גן - 1.

?נ? גן |גאַן| - דער, =ים |גאַנים|. (רעג, ישראל)

קינדער=גאָרטן, דערציִונג=אינסטיטוציע פֿאַר קינדער

פֿאַרן שולעלטער. % דאָס מיידעלע איז שוין אַלט 4 יאָר

און גייט אין גן.

ג נ אַ ב אַ ק - דער, =עס. (רעג, מג) איינגעגעסענע

בריאה, אויספּרעסער. %״ער איז אַ גנאַבאַק - פּרעסט

זיך, פּרעסט יענעם" |קטוו|.

---

רעד: דאָס וואָרט איז פֿון אַ זאַמלער. ניט זיכער איך

אויסטײַטש, דער זאַמלער (וואָס גיט אָן אויפֿן

קאַרטל "גאַליציע") טײַטשט ניט אויס דאָס וואָרט,

ער גיט נאָר דעם בײַשפּיל, ווי אויך די ווײַטערדיקע

זאַצן: א) גנאַבעט ארויס קוים די פּרנסה";

ב) גנאַבעט ארויס דעם לעצטן גראָשן פֿון מײַן

קעשענע".

(איך IV באַנד פֿון גווב ניטאַ דאָס וואָרט "ארויסגנאַבען")

חוץ דעם איז נאָך דאָ אַ באַמערקונג פֿון זאַמלער:

איך קראָקעווער געגנט - מיט אַ יוד: גניאַבאַק".

איך אוקראַיִניש איז דאָ: אונטערדריקן - гнобити,

אָבער ניטאַ гнобак.

---

3- גנ

ג נ אַ ב ע ן - __טרון__. (אַרויס) ציען, (אַרויס) קוועטשן, דריקן.

Ук: гнобити

**__רעד__: זען באַמערקונגען צו גנאַבאַק!!**

ג נ אַ ד — די/דער, פּפּ גענאַד. 1. באַ. גוטגינציקייט, גוטווילליקייט, מיטגעפֿיל; חסד. % אַרויסווייַזן, שענקען, געבן עמעצן גנאַד. בעטן גנאַד פֿון /ביי עמעצן. האָבן גנאַד ביי/פֿון עמעצן. פֿאַרלאָזן זיך אויף גאָטס גנאַד.

1848 " דער וואָס פֿאַר ַיכרט זיך אין גאָט וועט אים אַרום רינגלען גינאַד". חובות הלבבות, 3, 301 |?|. (גען)45

1888 " אַצינד האָט זיך איר ´אַנטפּלעקט באַשיימפּערלעך די גנאַד און די גרויסע ניסים, דאָס גוטסקייט און פֿרומקייט פֿון די דאָזיקע שיינע נפֿשות". מענדעלע, 3, 244. א/2

1910 " גאָט באַגיסט מיט גענאַדן, // באַשיינט און באַזעליקט זיין לעבן". פּרוג, 2, 214.

5 גנ-

1935 " אין פוילן ווייזן די פּריצים אַרויס זייער גענאַד צו יידן". באַשעוויס, 1, 40.

1948 " ער |לוזי| האָט דערום באַשלאָסן |...| אָדער |...| ער זאָל צוזאַמען מיט גאָטס וואָגלענדיקן גענאַד זיך אין גלות אָוועקלאָזן". דער נסתר, 257,6. 5/א

2. פאַרגעבונג, מחילה, מילדקייט. % דער צום טויט פאַרמישפּטער האָט געבעטן ביים קיניג גנאַד, מע זאָל אים שענקען דאָס לעבן.

1959 " |...| די פאָרשונג דאַרף מען טאָן ניט מיט קיין שטראָף און ניט מיט גנאַד". ניגער, 9, 294. 24

3. מצ (ןז) גנאַדן. טובה, געפּעליקייט. % אַלע האָבן גענאָסן פון די גנאַדן פון דעם בעל=צדקה. מוחל דיינע גנאַדן, מיר וועלן זיך באַגיין אָן זיי!

1945 " אוי, וויי צו די טרייסטן און גנאַדן!".

סעגאַלאָוויטש, 9, 107.

4. שיינקייט, חן |סטוטש 520|.

רעד: דעם טייטש גיב איך אויף דער אריות פון
סטוטשקאָוון - צווישן די קנאַפּע הונדערט
ציטאַטן אונדזערע ניט געפונען קיין איינע וואָס זאָל

0 גנאדן=טוער - דער, =ס. דער וואָס ווייזט אַרויס
גוטסקייט, טוט טובות.

|1957?| " כאָטש אַלע יידן זיינען דאָך דערבאַרעמדיקע
און גנאדן=טוער, איז דאָך פאַראַן אַ ברעג און אַ 10
מאָס צו מענטשלעכער רחמנות". ליקוטי=אמרים, קטז-472.

גנאדפול - אדי/אדוו. וואָס איז זייער גוטגינציק,
מיטפילנדיק.

טאָן גנאד (מיט עמעצן) - אַרויסווייזן גוטגינציקייט,
מיטגעפיל, פאַרגעבונג.

גנ - 7

1873 " איך בין דאָ אויסן צו דערציילן די גרויסע גענאַד, וואָס השי"ת האָט אויך מיט מיר, אָרעמען בעל=עבירה, געטאָן". מענדעלע, 1, קאַנק 3100.

אָפּטאָן די גנאַד (פֿון עמעצן) – אויפֿהערן צו זײַן גוטגינציק, גוט צו עמעצן, ווערן שטרענג, שלעכט, ניט=פֿאַרגיביק.

1951 " די ייִדן פֿון קעלם |...| האָבן מתפּלל געווען, אַז גאָט זאָל ניט אָפּטאָן פֿון זיי זײַן גנאַד". ח. קאַרלינסקי, ~~דב ליטע, 1~~, 1443. כּרך 106,

26

געפֿינען גנאַד (בײַ עמעצן) – דערגרייכן יענעמס גוטע באַציִונג, טובֿות פֿון אים. % דער אָרענדאַר האָט געפֿונען גנאַד אין די אויגן פֿון פּריץ און ער האָט אים געשענקט די שטראָף.

8 - גנ

איבערלאזן אויף גאטס גענאד – אן אויפזיכט, אויף הפקר,

פארלאזנדיק זיך אויף גאט, אז ער וועט היטן.

פארלאזן זיך אויף גאטס גענאד – האבן בטחון, אז גאט

וועט העלפן אין דער נויט, צרה.

א קינסטלער (א מאלער, א לערער אע) פון גאטס גענאד –

וועגן עמעצן מיט אויסערגעוויינלעכע טאלאנטן,

פעיקייטן.

1951 " אזא קליינע צאל פערזן מוז האבן גאר א הויכע

קוואליטעט צו געבן דעם, וואס האט זיי געשאפן

דעם נאמען 'גרויסער דיכטער' אדער דיכטער פון 30

כעז 101

גאטס גנאד". ש. ניגער, ~~זב ליטע 1~~, 803.

כעז 90

שוו: ער גלייבט ניט אין גאט און בעט זיך גענאד – |~~דש' ...~~ X|.

9 - גנ

ם גנאד/גינוד.

1. ⟵----

1544 " ווער מיט גנצם הערצן זיין זין הוט גיקערט

// צו אונזרם ליבן הערן וויא אופט ער אין דער 13

נירט // זיין גינוד אונ' זיין זיכרהייט נוך ניא

גילאג |...|". שמואל=בוך, סטראפֿע ו, שורות 1–4.

1688 " זעלט ניט זיין ר' סענדר ור זעקש וואכן דר

פר היא גוועזן אונ' גנאד בייא דען ברים הערציגין 13/א

קיסר יר"ה גיאכט זו ווערן מיר אלי גישאכט".

איין שין נייא ליד |...|.

1768 " אונ' דער זיך אויף גאט פר זיכרט דער ווערט

מיט גנאד ברינגלט זיין". מחזור, 3, יח - T. 13/ב

פּפּ גענאַדיק.

ג נ אַ ד י ק - אַדי/אַדוו. דזוו גנעדיק.

1963 " אַ, האַרנטע פֿון פּרוכטבאַרקייט און גלוסטן,

זיי גנאַדיק, שענק די זעט |...| צו אונדזער 42

אויסגעדאַרשטער ערד". פֿרידמאַן, 3, 17.

1975 " אַזוי פֿיל סודות, גאַר טונקעלע און מיט אַן

אַפּשײַן פֿון גנאַדיקער אַנטפּלעקונג, זײַנען אײַנגראַווירט קאנק

אין דער קמיע". סוצקעווער, 7, 78.

|| גנאַדיקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן גנאַדיק.

1966 " |...| האָבן אין גרויסער ייִדישער גנאַדיקייט

|...| געשפּײַזט זייערע באַשערטע מאַנען. 43

שפּיגל, 4, 183.

11 - יג

?נ? ג נ אַ ד ע - די, =ן. (דטשמ) דזוו גנאַד.

... " אויף אַט דעם אָרט איז זיך געוואַקסן אונדזער

47 סטאַדע, |...| ניט בעטנדיק, ווי פֿריִער, ביִי די

חיות גנאַדע". וויגטשעווסקי, 4, 47.

1970 " אויב די דיַיטשן וואָלטן זיך צו אונדז באַצויגן

48 בלויז אַזוי ווי צו קנעכט, |...| וואָלט דאָס נאָך

געווען אַ גרויסע גנאַדע אין פֿאַרגלייך צו דעם מצב,

אין וועלכן מיר האָבן זיך געפֿונען". יזב זלאַטשעווו, ז' 352.

ם איַיער גנאַדע - אַמאַליקער אויפֿן פֿון ווענדן זיך

צו אַ הויך געשטעלטער, חשובֿער פּערזאָן, אַן אויסדרוק

פֿון הכנעה.

1883 " איך האָב אפֿילו איַיניקע מאָל די העזה געהאַט צו

46 בעטן איַיערע ריַיכע |?| גנאַדען, איר זאָלט מיר

עפּעס מוסיף זיַין". ליניעצקי, 6, 6 - ז.

12 - גנ

ג נ א ד ק ר ו י ט - דאַס, בא. (באָט) היילקרייטעך (ווסנ gratiola oficinalis).

1738 " אונ' צווישן דיא צייט זאל מן אים |...| איין באד מאכן מיט די,ה קרייטר אלטיטעמיע |...| גאטס גנאד קרויט, איינזופ |...|". סגולות ורפואות, כט - ב- TT.

12

גנ - [redacted].

ג נ א ר ז ש ע - דער/די, =ס. " א פארביסענער מענטש, וואס לעבט נאר פאר זיך, פארשלאסן און קארג, גנידע" |קטוו|. 79/51

| |
|---|
| רעד: דער זאמלער גיט צו: "דאכט זיך פון ליטוויש". |

ג נ א ט – <u>דער, =ן</u>. 1. אַ בײַטש.

2. די שטראָף צו שמײַסן עמעצן מיט אַ בײַטש.

1909 " איר ווייסט דען וואָס <u>גנאָט</u> הייסט? <u>גנאָט</u>

53 הייסט – מען פֿלעגט גנאָטעווען, טרײַבן 'קאָליסטראָי'".

<u>שלום=עליכם, 7ד, 44</u>.

[...] 
1914 "האָט דעם עשׂוס עלטער=עלטער=זיידע האָט אַ מאָל

54 געמישפּט מיט <u>גנאָט</u>". <u>שלום=עליכם, 24ב, 150</u>.

ג נ אָ ט ע וו ע ן – <u>טרוו</u>. (<u>עלט</u>) שמײַסן מיט אַ בײַטש,
פײַניקן.

1898 " דעם רימען, מיט וועלכן מע האָט דאָס ייִנגל באַדאַרפֿט
57 <u>גנאָטעווען</u>, האָט מען |...| אַרײַנגעלאָזט צו אים
אין אָסטראָג |...|". <u>ליניעצקי, 10, 56.</u>

1907 " שמײַסן דאַרף מען אים, אָט אַזאַ משומד, קאַטעווען
קאַנק <u>גנאָטעווען</u>, בלוט זאָל גיין". <u>שלום=עליכם, 8א, 57.</u>

16 - גז

גנאַי - דער, באַ. (לל) 1. אומכּבֿוד, חרפּה.

1833 " זייט געווארנט אַז דיא דו עסט אויף דיין 63

חבירש טיש זאָלסטו ניט דער ציילן קיין גנאַי

פֿון קיין שום מענטשען". איבן ר' משה בר' נתן-נטע,

1948 " אויף דעם זון פֿון דיין מוטער ברענגסטו גנאַי". 65

איבן גראָס, תהילים, נ - 20.

2. (מיט פּרעפּ אין/צו) אויסדרוק (קאָמענטאַר, ווערטער

פֿון אומכּבֿוד, קריטיק, טאַדלונג.

1833 " אונדזערע חז"ל האבין זייער פיל געשריבין 71

אין דעם גנאַי פֿון דיא בעלי גאוה".

איבן ר' משה בר' נתן-נטע, שבט מוסר, דף טז- 2.

1955 " און דאָך איך אויס צו מיין גנאַי, אַז כ'האָב

לידער אַ סך אין כּבֿוד פֿון וועגן דער עפּלבוימ=מוזע 69

געשריבן". לייוויק, 11, 130.

16/1

|| **גנאַיִק** - אַדי/אַדוו. (נש, אוּוו) וואָס האָט דעם באַטײַט (מיין, פּוונה) פֿון גנאַי.

O **גנאַי=וואָרט** - דאָס, ...= ווערטער, אויסדרוק וואס האָט דעם באַטײַט פֿון גנאַי.

**גנאַי=רייד** - מצ, די. דזוו דפּוו.

O **בלשון גנאַי** - ווי אַן אויסדרוק פֿון טאַדלען, קריטיקירן, פֿאַראורטיילן.

17

זאל אים (זיי, איך א"א) צו קיין גנאי ניט זיין - באמערק-פראזע (אפט איראניש), וואס באווארנט, אז דאס געזאגטע זאל ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אומכבוד, טאדלונג.

1877 " אונזערע יידישע טעכטער, זאל זיי צו קיין גנאי ניט זיין, באשעפטיקן זיך מער מיט די |דער| פוצונג פון אירעם |זייער| קערפער אלס מיט דער פוצונג פון אירעם גייסט". דיק, 86, 24. 64

1888 " ביים ווינטשעווען האב איך, צו קיין גנאי זאל עס מיר נישט זיין, מיך א ביסל אויסגעגליטשט". מענדעלע, 3, 427. קאנק

1975 " אן אפגעריסענער נאר געווען, ס'זאל איר נישט זיין צו גנאי". באשעוויס, 82. קאנק

1716 " זאגט ישעיה בלשון גנאי אויף צור |...|". ס' המגיד 3, ישעיה, כג - טז. 67

ג נ אַ י – דער, בא, פּפּ הנאַי, אַפּפּאַל, עקסקרעמענטן
פֿון בהמות. % דעם גנאַי פֿון די פֿערד און קי פֿירט
מען אַרויס אין פֿעלד, אַלץ באַמיסטיקן,

1932 " מע גראַבט אויס אַ ניט=גרויסן גרוב, מע שיט אין
74 איר אָן אַ שיכט גנאַי, דערנאָך אַ שיכט ערד, ווידער
אַ שיכט גנאַי |...|". ~~זש' באַהערשן די טעכניק |...|~~ פֿלד 30
נ' 2, ז' 46.

1957 " אין שטאַל האָט אַרײַנגעפֿליוכעט, דער גאַנצער
81 גנאַי איז צערונען געוואָרן". ברוסילאָוו, 2, 109.

1958 " אָט שלעפּט מען דעם גנאַי פֿון שטאַל צו מיסטיקן
75 דעם גאָרטן". דעמבלין, 5, 33.

19 - גנ

גנאַיאָווקע – די, =ס. 1. פּאָסיקער אַפּפּאַל

פון בהמות, אורין.

p: gnojówka

1970 " די איבעריקע האָט ער געצווונגען צו טרינקען 75/ב

'גנאַיאָווקע', צו צעררייסן די סידורים און אַנדערע

ספרים". ~~ידב סאנץ~~, ז' 794.

יעד 16,

2. אַ גרוב אָנגעפּילט מיט גנאַי.

1957 " דער קנויט |פון לאַמטערן| האָט געסיטשעט, ווי

75/א אַ שלאַנג איידער ער איז דערשטיקט געוואָרן אין

דער גנאַיאָווקע". קאַרן, 6, 45.

20 - גנ

גנ - [redacted].

ג נ ס י נ י צ ע – די, =ס. 1. זייטיקע ווענטל
פיר 78
פון אַ וואָגן צו פירן גנאָי |זש' ייפא, 7 - 6|.
p: gnojnica

2. אַ וואָגן וואָס ווערט גענוצט צו פירן גנאָי.
% דער פויער האָט אָנגעלייגט אַ פולע גנאָיניצע
און אוועקגעפירט אין פעלד.

ג נ אָ י נ י ק – דער, =עס. 1. אַ גרוב צו האַלטן דעם גנאָי.

2. (לאָקל, סטאַשעוו) " אָפּטריט" |קטוו|. 83

?נ? ג נ אָ י ס ק ע – די, =ס. אַ גרוב אָדער אַן אַנדער
אָרט, ווּ מע וואַרפֿט אַרויס דעם גנאָי.

P: gnoisko

ג נ אַ י ע ן (זיך) - אוטוו. 1. פֿוילן, פֿאַרוואַנדלט

ווערן אין פֿוילעכץ. % די שטרוי אין שטאַל גנאַיעט.

1959 " כ'וויל גאָר קיין אָרט אין דער ערד פֿאַרנעמען

// מיט מײַן לאַנגזאַמען פֿוילן און גנויען". ✓. 85

דיבטש, 2, 184.

2. יאַטערן זיך(וועגן אַ געשוויר אַע). % די מכּה

גנאַיעט זיך, מע האָט זי פֿאַרלאָזט.

1895 " אַז אַ פֿוס, למשל, הייבט גאָר אָן פֿוילן און

גנאַיען |...|, איז ער גאָר פֿעיִק צו זאַראַזען אים 84

|דעם קערפּער) אויך". לינ'עצקי, 182,9.

3. (פֿיג) לעבן אין זייער שלעכטע באַדינגונגען,

לײַדן נויט, זיצן לאַנג אין אַ טורמע אַע.

% די אָרעמע קינדער נעבעך גנאַיען אין די נאַסע

ענגע שטיבלעך.

בײַ מערב-אייראָפּעיִשע מיטאָלאָגיע

גנאָם - דער, =ען. לויט אַמאָליקע ~~פֿאָלקסגלייבונגען~~

- אַן אונטערערדישער גייַסט, ווערט געהאַלטן פֿאַרן

אַפּוטראָפּוס פֿון די גרובנס, שטיינהאַקערייען אאַ.

1932 " פֿון רעכטס און לינקס קומען אַן צווייי

גנאָם=געשטאַלטן". אהרן צייטלין, ציט ~~דש' גלאבנס~~, פֿון שלאַ'

ג' 5, ז' 25.

2. קאַרליק, ליליפּוטל.

|| גנאָמיש - אַדי/אַדוו. ווי (פֿון) אַ גנאָם,

% אַ גנאָמישע פֿיגור.

91

25 – גנ

ג נ אָ מ נ י ק – ----> געָנאַמניק.

ג נ אָ ס ט י צ י ז ם - <u>דער, בא.</u> רעליגיעז=פֿילאָזאָפֿישע שטרעמונג, אין דער צײַט פֿון פֿריִען קריסטנטום; אין אַ געמיש פֿון קריסטלעכע דאָגמעס מיט געוויסע אידעען פֿון דער גריכישער פֿילאָזאָפֿיע.

27 - גנ

גנאָסטיקער – דער, =ס. אָנהענגער פֿון גנאָסטיציזם.

1940 " 'גאָרניט' קאָן אויך זײַן אַ מעטאַפֿיזישער יסוד,

אָן אָנהייב. קאָן – און איז אויך געווען אין דער 99

פֿילאָזאָפֿיע פֿון די גנאָסטיקער". קאָראַלניק, 2, 52.

גנ – [redacted].

ג נ אָ ס ט י ש – אַדי/אַדוו. שייכדיק צו גנאָסטיציזם
אָדער גנאָסטיקער. % גנאָסטישער וועלטבליק.

... "עס האָבן נאָך געלעבט און געווירקט שטאַרקע
קריסטלעכע גנאָסטישע סעקטעס, וועלכע זײַנען געווען
בכלל פֿײַנדלעך צום אַלטן טעסטאַמענט". [illegible] 56 ,94 ,2. XXI

29 - גנ

גנאָסעאָלאָגיע - די, בא. די טעאָריע פֿון דער קענטעניש, דער אָפּטייל פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, וואָס שטודירט די מקורים, מיטלען און באַדינגונגען פֿון דער אמתדיקייט אין דער וויסנשאַפֿטלעכער דערקענטעניש.

1933 " אָן מאַרקס גנאָסעאָלאָגיע קען מען אַפֿילו ניט צוטרעטן צו די פּראָגעס פֿון עסטעטיק און ליטעראַטור". 104

פֿון 156,

ש. שטשופּאַק, זש' פּאַרמעטט, נ' 2 - 3, ז'99.

30 — גנ

גנאָסעאָלאָגיש – אדי/אדוו. שייכדיק צו גנאָסעאָלאָגיע.

1930 " דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון באַקוועמלעכקייט, פֿון צוועקמעסיקייט: א מעטאָדאָלאָגישע אָבער ניט קיין גנאָסעאָלאָגישע פֿראַגע". ~~דש' טאָז,~~ נ' 1 – 2.

פֿון 70

ג נ אַ צ ײַ ק – אדי/אַדוו. "פֿײַכט, געניצט וועגן

ווייכע מאַטעריאַלן, קליידער, שטריק, קאַנאָפֿליע,

פֿלאַקס"|קטוו|. % "די שטריק זײַנען גנאַציק,

אַז מען קען זיי ניט אויסציִען"|קטוו|. 106/107

ג נ בֿ |גאַנעוו| - דער, =ים, |גאַנאָווים|.

1. דער וואָס גנבֿעט.

" וואו האָט זיך דער גנבֿ גענומען? // ווען איז
דער גנבֿ געקומען?// לאָמיר אים נאָר געשווינד כאַפּן 108
// און גוט די ביינער אויסקלאַפּן". עטינגער, 3,89.

1861 " יאַסעלע |...| האָט מודיע געווען, אַז דער גנבֿ
האָט געלט אַרום זיך אין אַ ביַיגאַרטל, וואָס ער האָט 108/א
צונויפֿגענומען פֿון אַלע ייִדישע שטעט |...|".
אקסענפֿעלד, 1, 139.

1928 " נאָכן דאַווענען פֿאַרבעט ער זײַנע חבֿרים אין
שענק אַרײַן. מען עסט, מען טרינקט, און שמשון 108/ב
דערציילט, ווי ס'לעבט זיך אין וואַרשע די בריהשקייט
פֿון וואַרשעווער גנבֿים". אָפּאַטאָשו, 5, 129.

1968 " דער בעל=הבית האָט אים דערציילט פֿון זײַנעם
אַ וועכטער וואָס האָט אים בדיל=הדל געשטעלט אַ סך 108/ג
מער ווי אַ גנבֿ פֿון דרויסן". גראַדע, 7, 407.

2. "(אין קינדערשפּיל, כאַפּערלער) דער וואָס ווערט געכאַפּט און דאַרף זיך שפּעטער פאַרנעמען מיט כאַפּן אַנדערע" |קטוו, ווענגראוו, לובלינער קאנט.

3. (עלט) אַנוווּקס אויף די לונגען. % "אויף דער ראיה איז פאַראַן אַ שטיקל לונג וואָס מע רופט 'גנב'. אַז מען רײַסט אָפּ דעם גנב איז אַ סימן אויף כשר" |הערה אין טעקסט פון דער ווײַטערידער ציטאַטע.

1894 " די קצבים האָבן ווײניק פאַרשטאַנען פון די אַלע רייד, וואָס דער רב האָט מיט זיי גערעדט, נאָר בשעת ער האָט געהייסן אָפּרײַסן דעם גנב, האָבן זיי אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט". גוידא, 2, 21.

112

4. (פֿטמ) אַ שווימפֿענכער ביַי אַ פֿיש. % "ווען דער גנבֿ ווערט געלעכערט, איז טריפֿה" |קטוו|.

5. (פֿטמ) אַן אָנגעפֿילט העלדזל אָדער קישקע, וואָס מע באַקט אַריַין אין אַ קוגל.

6. (פֿיג) אַ כיטראַק, אַ דורגעטריבענער מענטש.

% אוי איז ער אַ גנבֿ, ער האָט דאָך אונדז אַלעמען איבערגעקליגט.

[אָנהייב X/X.] " מיַין בייזער חלום זאָל זיך צו דיַין קאָפּ אויסלאָזן, דו גנבֿ!". עטינגער, 3, 294.

7. (פֿיג) אַ שווינדלער, אַ מענטש וואָס פֿאַרדינט געלט אויף אַן אומערלעכן אופֿן.

1881 " מע זעט |...| ווען מע האָט דאָ מכבד געווען מיט דעם שישי? אַ קאַטאַוועס אַן איש יקר? אַ גנבֿ.

35 - גל

אַ גזלן, אַ בלוטזויגער, אַט דאָס איז דער שישי!".

שאַצקעס, 1, 160.

1907 " ווי האָט עס איך זיך אַ ייִד אַ פּאַרך, אַ שנײַדער,

קאַנק אַ גנבֿ, אַ פּאַלגע, אַזאַ פּאַטעפּאַלנאַסט צו רעדן מיט אים,

מיט הערש=לייב דעם מעכאַניק, אַזעלכע ווערטער".

שלום=עליכם, 8א, 158.

1968 " די פּרנסים זײַנען אוזורפּאַטאָרס און אַ באַנדע

קאַנק גנבֿים. איטלעכער האָט ליב כאַבאַר און יאָגט זיך

נאָך געצאָלט". גראַדע, 7, 76.

0 גנבֿים=געצײַג - דאָס, בא. פֿאַרשיידענע מכשירים

(שליסלען, וויטריכעס אַע), וואָס גנבֿים ניצן בײַ זייער

מלאכה.

1961 " קעש |=מזומן| געלט האָבן זיי באַהאַלטן פֿאַר זיך,

און געגנבֿעטע זאַכן מיט דעם גנבֿים=געצײַג האָבן זיי 115

אויסגעלאָדן אין דעם רעסטאָראַן |...|". ס. מינעסמאַן, פּנו 155,

~~צ' פֿאַר~~, VI/ 8.

**גנבים=זשאַרגאָן** – דזוו גנבים=לשון.

**גנבים=לשון** – דאָס, =ות |=לעשוינעס|. דער באַשטאַנד פֿון די ספּעציפֿישע ווערטער, וואָס גנבים מישן אַריין אין דער שפּראַך, כּדי מע זאָל ניט פֿאַרשטיין, וואָס זיי רעדן צווישן זיך.

**גנבים=שפּראַך** – די, =ן. דזוו דפֿוו.

1923 " אין דער גנבים=שפּראַך איז דער וואָקאַבל |בלאַט| אַריינגענומען געוואָרן צוליב דעם, וואָס ער קען 116
אויך אויסדריקן גלייכקייט |...|". י. טריוואַקס, 33
זב ביי אונז ייִדן, ז' 161.

**באַן=גנב** – אַזאַ גנב, וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין גנבענען אויף די וואַקזאַלן און באַנוואַגאָנען.

**גרענעץ=גנב** – קאָנטראַבאַנדיסט.

**הינער=גנב** – איראנישער צונאמען פאר א גנב וואס פארנעמט זיך מיט גנבענען קלייניקייטן.

**מארק=גנב** – אזא וואס גנבעט דער עיקר אויף די מערק, בעת א יאריד.

**נאכט=גנב** – אזא וואס גנבעט אין די נעכט.

**פיך=גנב** – אזא וואס איז א מומחה אין גנבענען פיך (בהמות).

פערד=גנב - דער, =ים. א גנב וואס פארנעמט זיך מיט
גנבענען פערד.

ציבעלע=גנב – איראנישער צונאמען פאר א גנב וואס
גנבעט קלייניקייטן.

קייטל=גנב - |סטוטש 483|. בנב.

קעשענע=גנב – א גנב וואס פארנעמט זיך מיט ארויסשלעפן
געלט פון יענעמס א קעשענע.

17 עפיטעטן און צונעמענישן פאר א גנב: גנב קטן |קאטן|
– איראניש ווען א גנב פון קליינווערטיקע זאכן.
הורישער, מאלערישער, פאביטאווער/~~[illegible]~~,
געשטוילטער גנב |סטוטש 483| - בנב.

פּאַטענטירטער/געענדיקטער גנב – גרויסער מומחה אין
גנבֿענען.

געבוירענער גנב – זייער אַ פֿעיִקער, ~~[illegible]~~
מיט אַן איינגעבוירענעם טאַלאַנט צו גנבֿענען.

שייטעלע גנב

הויקער גנב, נאַטקע גנב, גאַנטע גנבֿ, |סטוטש 483|.
צונעמענישן.

גאַטס גנבֿ – וועגן עמעצן וואָס שטעלט זיך אַרויס מיט
זײַן פֿרומקייט, אָבער ער ניצט זי אויס פֿאַר זײַן
טובֿה וועגן.

גנבֿ בן |בען| גנבֿ. גנבֿ=שבגנבֿים |=שבעגאַנאַווים|
דזוו־דפוו.

פּפּ: באהאלטן זיך ווי א גנב, אראפּלאזן די אויגן ווי
א גנב, שעמען זיך ווי א גנב.

1873 " |איך האָב מיך| געשעמט ווי אַ גנבֿ, איר צו
קוקן אין די אויגן". מענדעלע, 1, באנק 381/670. 157

1920 " עס זעט ניט קיינער, ווי באהאלטן // אן אורח
|...| אין א ווינקל, ווי א גנבֿ |...|". 110
איינהארן, 5, 138.

פּוּל: ער איז א גנבֿ ביז תרח אבינו (וואר:...
ביזן צענטן דור - וועגן אַ גנב וואס שטאמט פון א
משפּחה גנבים.

ער איז א גנב פון ששת ימי בראשית (וואר:...
פון מלך סאביעצקיס צייט, פון תרחס צייטן) -
וועגן א גנב, וואס גנבעט שוין א סך יארן.

41-גל ער איז נאך/שוין געווען א גנב אין דער מאַמעס בויך

(וואַר:... ווען ער האָט נאָך געקריכט אויפן דאַך) –

דזוו דפוו.

ער איז אַ גנב מיט די אויגן (וואַר:... מיטן מיג, מיטן

היטל, מיטן אונטערשלאַק, מיט דער פּאַטשעווקע,

מיט אַ מענטריקע, מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט אַ פלאַמבע,

מיטן קנאַק) – ווען אַן אמתן, כאַראַקטעריסטישן גנב.

ער איז אַ גנב ווי אַ וויַיסל(עכץ) פון אויג (וואַר:...

ווי אַ מויז) – ווען אַ גנב, וואָס באַהאַלט זיך אויס.

ער איז אַ גנב, אַז די אויערן זיַינען ביַי אים ניט זיבער,

(וואַר:... אַז דאָס וואַסער וועט אים נעמען, אַז ער וועט

אויפן פיַיער ניט פאַרברענט ווערן ) – ווען זייער

אַ פעיקן גנב, וואָס מע קען אים ניט כאַפּן.

ער איז ניט קיין גנב, נאר א נעמער (וואר:... נאר
זיינע הענט זיינען גנבישע, נאר אז עס לאזט זיך
נעמט ער, נאר אז עס מאכט זיך א פעקל, טראגט ער
עס אוועק) – איראניש וועגן א גנב.

א גנב אויף א גנב פארט און א גנב טרייבט אן – וועגן
א גרופע אומערלעכע מענטשן וואס איינער העלפט
(דעקט) דעם אנדערן אין אומערלעכע מעשים.

ער איז א גרויסער יחסן, ער קומט ארויס פון א משפחה
פערד=גנבים – איראניש וועגן איינעם מיט ניט
קיין שיינעם ייחוס.

ער איז דעם אלטן גנבס אן אוראייניקל – דזוו דפוו.

ער איז שוין אן אלטער גנב, ער איז שוין אויסגעזעסן
ניין מאנאטן אין זיין מאמעס בויך – וועגן א גנב
פון לאנגע יארן צוריק.

וויפֿל גרויס און אַלט ער איז, אַזוי גרויס גנבֿ איז ער - ווען אַ גרויסן און אַלטן גנבֿ.

אין פֿינגערלעך דערקענט מען, אַז ער איז אַ גנבֿ - ווען אַ טיפּישן גנבֿ.

דער שפּיץ פֿון אים איז אַ גנבֿ - דזון דפֿון.

שוין איין מאָל אַ גנבֿ, ער גנבֿעט אַ מערל פֿון פֿור! - חוזקדיק ווען אַ גנבֿ פֿון קלייניקייטן.

אוּוא, איז ער אַ גנבֿ, ער האָט צוגעגנבֿעט דעם קנאַק פֿון דעם ביטש - דזון דפֿון.

ווען ער זאל ניט זיין קיין גנב, וואלט ער געווען
לאנד און לייט – איראניש וועגן איינעם, וואס זעט
אויס צו זיין לייטיש און פיין, אבער אין תוך
איז ער ניט קיין ערלעכער מענטש.

ער איז א גרויסער גנב, ער קען אפילו ארויסגנבענען
דעם לא=תגנוב פון די עשרת הדברות – וועגן זייער
א פעיקן גנב.

א גנב איז די בעסטע מלאכה (וואר: איז א גרינגע מלאכה/
פרנסה/פראפעסיע) – מע דארף ניט הארעווען שווער
און מע פארדינט גוט.

א גנב איז א גאנץ גוטע פראפעסיע, ווען זי זאל ניט
איינשטיין ביי קיין גנב אין די הענט – דזוו דפוו
איראניש.

45 - יג

א גנב ארבעט גיכער ווי א שניידער - ער נעמט שוין דאס פארטיקע.

א גנב איז א בעל=זכרון (וואר:... האט א גוטן קאפ), ער געדענקט ווו יענער האט אוועקגעלייגט.

א גנב איז א בעל=רחמנות (וואר: האט א גוט הארץ), ער דערבארעמט זיך איבער יענעמס.

גנבים האבן ווייכע הערצער, זיי נעמען וואס עס בעט זיך.

א גנב איז א פויגל, ווי גיך ער נעמט עפעס, פליט ער דערמיט אוועק - ער אנטלויפט באלד און גיך.

יג

<u>גנבֿים זײַנען פֿרומע ייִדן, זיי שטייען אויף צו חצות</u> –

זיי גנבֿענען אין מיטן נאַכט.

<u>א גנבֿ איז פּטור פֿון נעגל אָפּגיסן</u> – ווײַל ~~זיי~~ ער שלאָפֿן

ניט בײַ נאַכט.

<u>א גנבֿ בענטשט ניט קיין גומל</u> – ווײַל ער וואָלט עס

געדאַרפֿט טאָן צו אָפֿט |?|.

<u>א גנבֿ דערקענט מען אין די אויגן</u> (<u>וואָר: אין דער נאָז</u>)

– ער קוקט אומעטום אַרײַן, ער שמעקט אויס אומעטום.

<u>א גנבֿ האָט לאַנגע אויערן</u> – ער הערט זיך צו אומעטום

וואָס מע רעדט, אפֿשר קאָן אים עפּעס צו נוץ קומען.

<u>א גנבֿ האָט פֿיר אויגן</u> = ער קוקט אומעטום, אפֿשר קען

מען עפּעס צונעמען.

א גנב מוז פון הינטן אויך האבן אויגן – א) דזוו דפון;

ב) ער דאַרף זיך גוט היטן מע זאָל אים ניט כאַפּן.

א גנב האָט הינטיש פּלייש – בנב.

א גנב האָט קוועקזילבער אין תחת – ער איז זייער רירעוודיק.

א גנב האָט קעצישע אויגן – ער זעט גוט ביי נאַכט.

א גנב האָט קלעפּיקע (וואָר: לעפּקע, לאַנגע) פּינגער – ער נעמט צו אַלץ וואָס די הענט רירן אָן.

א גנב טאָר ניט טראָגן קיין לאַנגע ארבל (וואָר: לאַנגע נעגל) – בנב.

א גנבֿ טאָר ניט האַלטן די הענט אין די קעשענעס –

(איר) ער דאַרף דאָך די הענט ניצן צו דער מלאכה.

א גנבֿ טאָר ניט טראָגן קיין שטעקן – דזוו דפֿוו.

א גנבֿ גייט אָן זוילן – ער גייט שטילערהייט, מע זאָל

אים ניט כאַפּן.

א גנבֿ פֿאַרן גנבֿענען קלאַפּט אים דאָס האַרץ, נאָכן גנבֿענען

קלאַפּט יענעם דאָס האַרץ.

א גנבֿ בעט אויף פֿינצטערע נעכט – מע זאָל אים ניט זען

בײַ דער אַרבעט.

די בעסטע נעכט פֿאַר גנבֿים איז סוף חודש – ווײַל אין

יענע נעכט איז פֿינצטער.

דער גנב דארף א שיכורן שומר אוך סוף חודש - דזוו דפוו.

- ווײַל אזא שומר הערט ניט און זעט ניט.

א גנב זאגט, אז ער איז ניט קיין גנב. נאר דאס וואס מע (וואר: וואס ליגט אויבן אויף, ניט באהאלטן) דארף מען צונעמען. גוט

וועלכן גנב טשעפּעט מען ניט? - דעם וואס גנבעט דעם אפיקומן.

גנב מאכט: גיי, נעם, באהאלט.

א גנב איז א פארפאלענע קאליקע - ער קען זיך ניט בײַטן זײַן נאטור, זײַנע נטיות.

א גנב בלייבט א גנב - דזוו דפוו.

א בדחן בלייבט א בדחן און א גנב בלייבט א לאטכן -

דזוו דפוו.

[לאטכן=לקחן-לקחענען (שש) - גנבענען.]

האוחז ביד, אז מע כאפט ביי דער האנט איז מען טאקע

א גנב - א רמז דערויף אז מע טאר ניט באשולדיקן

כל זמן מע האט ניט קיין ממשותדיקע באווייזן.

א גנב איז באזונד ער מעל מיט האניק, און צוזאמען "לעקער".

- דא איז א ווארטשפיל לעקער=טארט, זיסער קוכן

און לקח - גענומען, געגנבעט.

א שווארצער איז א גנב - דא מיינט שווארצער א

קאנטראבאנדיסט.

ס'איז אן עבירה א גנב ארויסצוטרייבן - געזאגט בעת זייער א שלעכטן וועטער.

אז מע זעט גנבים זיצן אין תפיסה, מוז מען זאגן צו זיי: ברוכים היושבים - דא איז א ווארטשפיל: ברוכים היושבים איז א העפלעכקייט=באגריסונג, ווען מע קומט אריין אין א שטוב און מע טרעפט מענטשן זיצנדיק ביים עסן, און דא זיצן די גנבים אין טורמע.

א קל=וחומר פון א גנב: מה=דאך איז אין מיינע קעשענעס ווו דו טארסט נישט ארייננשטעקן דיינע הענט, מעג איך יא=מכל=שכן אין דיינע קעשענעס, ווו דו מעגסט יא ארייננשטעקן דיינע הענט, מעג איך דאך אוודאי - ווערט געזאגט איראניש, ווען עמעצער ברענגט א פילפולדיקן אומלאגישן ארגומענט.

19

שור: אז מע דארף דעם גנב, שניידט מען אים אפ פון
דער תליה – אין א נויט באניצט מען זיך מיט הילף
פון א מענטשן, וואס מע וואלט געוויינטלעך ניט
געוואלט האבן מיט אים קיין עסקים.

ווי קלוג ס'איז דער גנב, מוז ער זיך א מאל באנארישן –
א) ס'איז ניטא דער מענטש, וואס זאל א מאל ניט
מאכן א טעות. ב) סוף=כל=סוף מוז דער גנב
אריינפאלן, ~~מע זאל אים כאפן~~.

אז צוויי גנבים צעקריגן זיך קומט דער ערלעכער מאן
צו זיין שאדן – ווייל איינער פון זיי מסרט דעם
צווייטן.

א לאך מאכט א גנב (וואר:... און א גנב מאכט א לאך) –
דארט ווו ס'איז ניט גוט באווארנט, איז גרינג צו
גנבענען.

53 אז דער בעל=הבית איז א שלימזלניק, איז דער גנב א בריה
דזוו דפוו.

אין אַ פֿאַנשאַרה=שריפֿה באקן גנבים קארטאפל – געזאָגט
ווען איינער ניצט אויס אַן אומגליק פֿון כלל פֿאַרן
אייגענעם ווילזיין.

האלט מיך פֿאַר א רב און היט מיך ווי א גנב – ~~אחם~~
אין געלט=ענינים, בפֿרט געזעלשאַפֿטלעכע, מוז זיין א
קאָנטראָל אויף יעדן איינעם.

אויף דעם גנב ברענט דאס היטל – געזאָגט ווען עמעצער
פֿילט זיך שולדיק אין עפּעס און מע דערקענט עס
לויט זיין אויפֿפֿירונג.

53/1

גנב
53

<u>א גנבֿ נעמט גאָט צו הילף.</u>

<u>א גנבֿ האָט לאַנגע הענט און קורצע קעשענעס</u> – דאָס געגנבֿעטע האַלט זיך נישט לאַנג בײַ אים, ער איז אַן אויסברענגער.

<u>פֿײַער איז א גנבֿ</u> – מע דאַרף זיך שטאַרק היטן פֿאַר פֿײַער.

54 - גנ

גנ - [redacted].

פֿאַר אַ היימישן גנבֿ קען מען זיך ניט אויסהיטן –

ווייל ער ווייסט אַלץ און מען איז אים ניט חושד.

ם 1626 " |...| אונ' מן האט אויף זיא |אויף די רשעים|

136 גשריגן אז אויף איין גנבֿ". ס' המגיד,1, איוב, לא–א.

1737 " איך וועל דאז קרויט פר בערגין דאז ער ניט

136/א זאלין בקומן גנבים און ווארין לערנין דיא סגולה.

ס' שיח השדה, פרק יא.

ג נ ב ה |ג(ע)נייווע| - די, מצ גנבות |ג(ע)נייוועס|.

פֿא גניבה. 1. דער אַקט פֿון גנבענען. % יענע נאַכט זײַנען געשען עטלעכע גנבות. ער האָט פֿאַרמאַכט די שטאַל נאָך דער גנבה (פֿוּל)

1832 " דער רשע וואש ער גראבט זיך אונטר איך בהעלטניש און טוט גנבות און אנדרי עבירות, דארף ער איילן תשובה און צדקה טאן"; מחזור, 2, כט - ב.

1888 " ביז אַהער האָבן די שרפֿות אירע |פֿון גלופסק|, די חתונות און גנבות אים |רפֿאלן| נישט געאַרט". קאנק
מענדעלע, 3, 219.

1907 " זײַ, די ווײַבער |זאָגן|: גנבה, גזילה,
שאַרלאַטאַנעס!". שלום=עליכם, 269. קאנק

1968 " אלץ איז אים איינגעפאלן, אויסער אז דער
אונטערוועלטניק סראליייזער האט א האנט אין דער גנבה".
גראדע, 7, 162.

2. די זאך/זאכן וואס מע האט געגנבעט. % מע האט
אפגעפונען די גנבה. דער פאסער קויפט אויף גנבות.

1918 " |...| זאל איך אומקערן דיא גניבות אצונד אודר
ניט ווייל איך בין דאש מאל קיין בר עונש געוועזן". 201/א
איבז |ווער?|, ספר חסידים, קונטרס , יז/8.

1920 " דורכן פערען איז ער געגאנגען אין איין ציטערניש,
ווי איינער וואס האט די נאכט באגנבעט א קלויסטער 188
און פירט זי, די גנבה, דא מיט זיך". ע. ווארשאווסקי, 243,1.

56/2

1948 " מען האט א מאל דארט געקאנט אפשטעקן א גנבה

קאנק

בשתיקה, אז קיין פויגל זאל ניט וויסן, קיין האן

ניט קרייען". דער נסתר, , 35.

ג נ - 56 א.

0 גנבה=געלט - דאס, בא. 1. געלט וואס מ'האט געגנבעט.

2. (פּיג) געלט וואס מ'האט פֿאַרדינט אויף אַן אומערלעכן אופֿן.

1901/1915 " גנבה=געלט, גזלה=געלט! - רופֿט אויס דער שוואַרצער מלאך". פּרץ, ביים גוסס צוקאפּנס.

∠7 אפּזעצן/אפּשטעקן א גנבה - פֿאַרקויפֿן די געגנבעטע זאַך/זאַכן (געווייינטלעך פֿאַר גאַר ביליק).

1868 " איבער הויפּט פֿלעגט ער די אַלע גנבות אפּזעצן ביי דער שטאַט=גבאיטע, א באַגאַטישע געזונטע יידענע". לינעצקי, 9א, 29. 18

פרול: גנבה גרוי – ווער ס'לאזט זיך אריין אין גנבענען,

איז אים שווער צו באפרייען זיך דערפון.

אזוי ווי א קאטשקע קען זיך ניט באגיין אן וואסער,

אזוי קען זיך א גנב ניט באגיין אן גנבה – דזוו דפוו.

אז די גנבים צעקריגן זיך, קומט ארויס די גנבה –

ווייל איינער מסרט דעם אנדערן.

א גנב דרייט זיך ארום דער גנבה, ווי א קוואקע ארום

די הינדעלעך (וואר:... ווי א בעדנער ארום דער פאס)

– ער היט זי שטארק, א צווייטער גנב זאל זי ניט נעמען.

שור: אן ארעמאן האט ניט קיין מורא פאר א גנבה – ער

האט גארניט, וואס זאל צוציען די גנבים.

וווּ אַ סוד, דאָרט איז אַ גנבֿה – אומערלעכע זאַכן ווערן

ווערן ס׳רוב אָפּגעטאָן בסוד.

אַ שידוך זאָל מען טאָן אין דער היים, אַ גנבֿה זאָל מען

מאַכן אין דער פֿרעמד – אין ערשטן פֿאַל, ווײַל

מ׳קען זיך איינע די אַנדערע, אין צווייטן – ווײַל

ס׳איז שווער צו קענען דעם גנבֿ.

1794 " און דען בליקט ער ווידר אוף דעם בויך

און גידערים און זאגט די בויך בויך ווי פיל 193

גזילות און גנבות איז אין דיר". מרגניתא.

59 - גג

30

ג נ ב̄ ה ש - <------ __גנביש__.

59|1 גנ-

ג נ ב ו ת |ג(ע)נייוועס| - דאס, בא. (לל)

אפנארעריי, שווינדלעריי |הארקאווי|.

60 - גנ

גנבטע |גאַנעפּטע| - די, =ס. 1. אַ פרוי וואָס גנבעט.

1873 "אַ ליאַרעם, אַ געשריי, מען האָט געכאַפּט אַ הולטייקע, אַ גנבטע |...|". מענדעלע, 1, קאַנק161960. קאַנק

1907 "די כימקע איז געווען אַ ווילע שיקסע, נאָר אַ ביסל אַ גנבטע". שלום=עליכם, 8, 185. קאַנק

1968 "אייער פּאַציענטקע איז אַ גנבטע, זי האָט ביי מיר צוגעגנבעט אַ סאַמעטענע קאַמיזעלקע". גראַדע, 129. קאַנק

2. (פיג) וועגן אַ כיטרע, דורכגעטריבענע פרוי.

% זי איז קלוג, די גנבטע, זי פאַרשטייט אַלץ אויפן ווונק.

61 [redacted] – גנ

גנבֿיש |ג(ע) נייוויש| – אַדי/אַדוו. 1. וואָס

איז געגנבֿעט, וואָס קומט פֿון אַ גנבֿה. % דער

פֿאַסער האַנדלט מיט גנבֿישער סחורה.

1888 " |...| האָט ער זיך צוגעטשעפּעט, אַז דאָס פֿערד

(פּרז 74)

205 איז אַ גנבֿיש". יקנה"ז, ~~צ' ייִפֿאַל~~, נ' 1, ז' 280.

1907 " ביי מיר איז דען גנבֿישע קישנס? – גנבֿישע

205/א נישט גנבֿישע, איך בין צו קאַפּנס נישט געשטאַנען".

שלום=עליכם, 8א, 264.

1948 " מיט טריפֿה בראָנפֿן, אָן אַקציז, האַנדלט איר?

205/ב גנבֿישע פּעקל=סחורה באַהאַלט איר?". דער נסתר, 6, 272.

2. פֿון אַ גנבֿ, פֿון גנבֿים. % גנבֿיש געציײַג. ער

האָט זיך אויסגעלערנט דעם גנבֿישן זשאַרגאָן.

1867 " צי איז דאָס טאַקע איין ייִדישער נאָמען, צי

248 גנבֿיש לשון, צי קלעזמער=לשון". ~~צ' וואַרשעווער~~ פּרז 57

~~יודישע צייטונג~~, נ' 43, ז' 379.

62-ג

1948 "ווען ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ גנבֿים=קאָמפּאַניע |...| איז ער אַוועק אויפֿן געווייסן גנבֿישן דרך". דער נסתּר, 6, 207. 248/א

1955 "ער האָט אַרײַנגעבאַפּט זעקס יאָר תּפֿיסה פֿאַר זײַנע גנבֿישע 'מעשׂים=טובֿים'". האַרענדאַרף, 1, 3 [?]. 250

3. (פֿיג) כיטרע, איבערגעשפּיצט קלוג, דורכגעטריבן.

% ער גיט אויף מיר אַ גנבֿישן בליק, און כ'האָב באַלד פֿאַרשטאַנען וואָס איך דאַרף טאָן.

1888 "|האָט ער| הינטערוויַילעכץ אויף מיר געקוקט מיט גנבֿישע אייגלעך". מענדעלע, 3, 103. 250/א

1907 "רופֿט זיך אָן צו מיר איינער, אַן אַלטער ייִד מיט גנבֿישע אויגן, פֿאַרשטעלט, אויף לשון=קודש |...|". שלום=עליכם, 8א, 104. 250/ב

62/1 גנ - 27.

1935 " האט דאס אליין דערציילט אין בית=מדרש, |...| מיט א גנביש שמייכעלע". באשעוויס, 1, 47. 250/ג

4. (פיג) ווי פון א גנב, פאלש, אפנארעריש.

% גנבישע גענג. קיינער גלייבט שוין נישט זיינע גנבישע תירוצים.

1888 " האט זיך אריינגעלייגט אין א פשרה מיט גנבישע תנועהלעך". מענדעלע, 3 , 138. 250/ד

ⱷ גנבישער קאפ - וועגן א כיטראק, א דורכגעטריבענעם מענטשן.

גנבישע קישקע - וועגן א גרויסן פרעסער.

ער האט גנביש מזל - וועגן עמעצן וואס ריזיקירט און געווינט.

6212

שור: גנבֿיש האָט קיין הצלחה נישט – א) וואָס ווערט
גע‏טאָן, געקריגן אויף אַ גנבֿישן, אָפּנאַרערישן שטייגער
מוז סוף־כּל־סוף דורכפֿאַלן.

ב) געגנבֿעטע זאַכן ברענגען ניט אַרײַן קיין גרויסע
פֿאַרדינסטן.

ג נ ב ל |גאַנעוול/גאַנעפֿל| - דאָס/דער, מצ גנבֿימלעך |גאַנאַווימלעך|. 1. פּקפּ פֿון גנבֿ.

1955 " פּיִיווקע גנבֿל - דער בלאַט, // וואָס גבֿירן
193/א האָבן גוט געקענט // פֿאַר זייִנע לאַטכּענדיקע הענט".
מאַני לייב, 2, 116.

2. (שש) דאָס אינעווייניקסטע פֿון אַ גענדזן=פֿעדער.

1939 " דער שפּיץ פֿון גענדזן=פֿעדער, פֿון וועלכן מען
193/ג האָט אַרויסגענומען דעם 'גנבֿל', איז פֿעסט אײַנגעבונדן".
שניאור, 6, 180.

ג נ בֿ ע ן - <---- גנבֿענען.

גנבֿענען |גאַנווענען| - טרוו, פּפּ (זן) גנבֿען

|גאַנווען|. 1. צונעמען עפּעס בײַ עמעצן אָן

יענעמס וויסן און הסכמה. % ~~גנבֿענען שטילערהייט.~~

% דער מאַרעוויכער גנבֿעט פֿון די קעשענעס. דאָס אָרעמע

ייִנגל האָט געגנבֿעט אַ ברויט, ווײַל ער איז געווען

אונגעריק.

1881 " |...| מע טאָר ניט גנבֿענען אַ שווה=פּרוטה אַפֿילו

בײַ אַ געצנדינער". זאַביעזענסקי, III, 49. 211

1922 "און דאָס האָט מזל! וואָס ער ברענגט... באַנייט

זי און באַהענגט, כאָטש גנבֿע און גזל". מלאך, 1, 2. 212

1948 " ער האָט זיך 'באַשעפּטיקט' מיט גנבֿענען פֿערד

און פֿאַרקויפֿט אויף ווײַטלעכע ירידים". דער נסתר, 6, 207. קאַנק

2. אָפּנאַרן, שווינדלען. % גנבֿענען בײַ דער וואָג.

3. פֿלאַגיירן. % די טעמע האָט ער געגנבֿעט בײַ עמעצן.

66-גג

1909 " אַז מע קען אַ ליד אויך גנבֿענען, דאָס קען מײַן
בֿרושי באָבע ניט פֿאַרשטיין". א. רייזען, 8, 25.
(מײַנע ערשטע האָנאָראַרן).

גנבֿענען די גרענעץ – דורכגיין די גרענעץ אומלעגאַל.

1907 " איצט זענען פֿינצטערע נעכט, סוף חודש.
קאַנק אויסגעצייכנט גוט אויף צו גנבֿענען די גרענעץ".
שלום-עליכם, 8א, 175.

1943 " ער איז דערנאָך אויף דער גרענעץ פֿון עסטרײַכישע
קאַנק זשאַנדאַרמען, פֿאַר וועלן גנבֿענען די גרענעץ און
דורכגיין אַן אַ פּאַס, געשלאָגן געוואָרן".
דער נסתר, 5, 106.

<u>גנבֿענען די דעה</u> – אָפּנאַרן, פֿאַרפֿירן.

1876 " מען טאָר ניט <u>גנבֿענען די דעה</u> פֿון לײַטן,

216 |...| ער טאָר ניט פֿאַרקויפֿן אַן א"י |=אינו יהודי| נבֿלה־

פֿלייש". וואָכנבלאַט, 1, 18.

1935 " און דו זאָלסט נאָך פֿאַרלענגערן צו <u>גנבֿענען</u>

קאנק <u>זייער דעה</u> דורך דײַנע ערמות און מוטוויליקייט".

<u>באַשעוויס, 1, 176</u>.

<u>גנבֿענען די צײַט (אַ מינוט, אַ רגע)</u> – אויסניצן

אַ געוויסע צײַט צו טאָן אייך זאַך במקום אַן אַנדערע.

1919 " מוז מען <u>גנבֿענען די צײַט</u>, מען מוז דאָ אויך

217 אַ ביסל אונטערשווינדלען, אַרבעטן אין דער פֿרי און

שפּעט בײַ נאַכט |...|". <u>י. א. קאַצאָוויטש, 4, 340</u>.

1946 " האָט נעבעך ס'גאַנצע לעבן זײַנס געמוזט |...|

קאנק <u>גנבֿענען מינוטן</u> אין געשעפֿטסטאָג אויף אַרײַנצוקוקן

אין אַ ספֿר". <u>י. י. טרונק, 4, 131</u>.

68- גנ

גנבֿענען די באַן - פֿאָרן אויף דער באַן אָן אַ בילעט.

ער קען גנבֿענען דאָס ווײַסל פֿון אײ - וועגן זייער אַ פֿעיִקן גנבֿ, וואָס קיין באַהאַלטענע זאַך איז ניטאָ פֿאַר אים.

פֿון: אַ גנבֿ, אַז ער גנבֿעט ניט עפּעס, דאַכט זיך אים, אַז ער האָט עפּעס איבערגעלאָזט - געמיינט אַז דאָס גנבֿענען ליגט שוין אין דער נאַטור פֿון גנבֿ, ער קען שוין אָן דעם ניט לעבן.

אַ גנבֿ, אַז ער האָט ניט וואָס צו גנבֿענען, גנבֿעט פֿון איין קעשענע אין דער צווייטער (וואַר: גנבֿעט דאָס היטל אַראָפּ פֿון זיך) - דזוו דפּוו.

א גנב פארן גנבענען קלאפט אים דאס הארץ, נאכן גנבענען קלאפט יענעם דאס הארץ.

אז מע כאפט א גנב, פארענטפערט ער זיך: ווען ער וואלט ניט געגנבעט, וואלט א צווייטער געגנבעט (וואר: וואלט אונטערגעגאנגען דאס גאנצע שלאסערפאך)

אז מע כאפט א גנב, זאגט ער צו, אז ער וועט שוין מער ניט גנבענען, נאר דאס מאל און נאך א מאל (וואר: נאר איין מאל אין זומער און איין מאל אין ווינטער)
– געמיינט אז א גנב קען זיך ניט איינהאלטן פון גנבענען.

וועלכן גנב טשעפעט מען ניט? – דעם וואס גנבעט צו דעם אפיקומן.

א גנב איז אן ארנטלעכער מענטש: דא ווו ער שטייט איין, גנבעט ער ניט.

ביי א גנב גנבעט מען ניט - א) ס'איז זייער שווער;
ב) ס'איז איינער פון די כללים פון דער גנבישער
עסיק.

שוו: ווער עס גנבעט ביי אן ארעמאן, נעמט צו ביי גאט
אליין. ווו מע שלאפט, דארט גנבעט מען ניט.
אז מען גנבעט אן איי, האט מען זיבן יאר דלות -
א רמז אויף דעם, אז דער קליינער גנב בלייבט פיי ווי
אן ארעמאן. אז מען גנבעט א סך אייער, קען מען
אויך ווערן א גביר - דער מיין איז פארקערט ווי אין
פריערדיקן שפריכווארט. אז א גנב גייט גנבענען,
בעט ער אויך גאט - יעדער גלייבט, אז דאס וואס ער
טוט איז גוט, איז גערעכט. א קריגל טראגט מען, ביז
וואנען דאס אויערל רייסט זיך אפ, א גנב גנבעט ביז
מע כאפט אים - דער אמת מוז שטענדיק ארויסקומען.

71-ע ניט פֿאַרן גנבֿענען זעצט מען אײַן נאָר פֿאַרן ניט קענען

באַהאַלטן – אַ גאַנץ פּעסימיסטישער אויספֿיר, אַז

ס'דרייען זיך אַרום אַ סך גנבֿים אומבאַשטראָפֿט, ווײַל

מע האָט זיי ניט געכאַפּט בײַ דער האַנט.

גנבֿט מיַין ברודער, הענגט מען – דעם גנבֿ – יעדער

לייקנט אַק די שייכות צום שלעכטן (ניט דעם ברודער

הענגט מען, נאָר דעם גנבֿ).

האָסט געגנבֿעט דעם אתרוג, נעם צו די פּושקע אויך – בנב.

ווען דער פֿאַסער וואָלט ניט געפּאַסט, וואָלט דער גנבֿ ניט

געגנבֿעט – אומערלעכע מעשים קאָנען געדייען

נאָר אין אַ קאָרומפּירטער סבֿיבֿה.

גנבֿענדיק וואַקסט אויס גוט.

ם

גנבֿן

1\. ⟵

1723 " איזן גינך |די שרים| הינ בייא נאכט און ברעכן

דאש מלך אוצר אויף, און גנבֿען אויז דעם אוצר".

לב טוב, 2, 34 – ב.

71/1

גנ –

ג נ ב ס ק ע |גאַנאַווסקע| – אַדי. (פּטמ) דזוו גנבֿיש,

ב"ב 3 – 4. % גנבֿסקע שטיק. גנבֿסקע גענגעלעך.

ג נ ב ע{נ ע ן |גאַנווענעל| ז י ך - <u>אוטוו</u>. 1. גיין

שטילערהייט, באַהאַלטענערהייט, אומבאַמערקט.

% די פּאַרטיזאַנער <u>גנבענען זיך</u> גרופּעסווייַז דורכן

וואַלד, די דייַטשן זאָלן זיי ניט זען.

1926 " ר' אברהם, אין זייַן שאַפּענעם פּעלץ, אין דעם

פּוטערנעם היטל |...| האָט זיך <u>געגנבעט</u> צווישן די 225

ביימער". אָפּאַטאָשו, 3, 230.

1939 " מען <u>גנבעט זיך</u> אַרום די גריין באַסכּכטע סוכּות

פֿון אייגענע און פֿרעמדע און מען קוקט אויס". 224

<u>שניאור, 7, 19</u>.

גנ - [illegible].

73

1943 " לוזיס שטיבעלע איז געוואָרן יענער צוציונגס=

פּונקט, פֿון וועלכן יונגעלייט האָבן זיך געשושקעט קאָנק

און באַהאַלטענערהייט אַהין זיך געגנבֿעט".

דער נסתר, 5, 351.

2. דין פֿיג (וועגן שאָטן, ווינטל אע). % א ווינטל

גנבֿעט זיך שורשענדיק דורך די בלעטער.

... " אַ שוואַרצער שאָטן גנבֿעט זיך פֿון קנאָפּ צו קנאָפּ

// און ציט אָוועק איבן פֿאַלע פֿון דער צווייטער 225/א

לענגער". לייוויק, (סאָנעט וועגן אַן אַלטן מידן ראַק).

1956 " די נאַכט זיך גנבֿעט, טייענדיק פּונעם באַראַק

אַרויס". מאַרקיש, 10, 266. 225/ב

74 גנבֿת=דעת |גנייוועס=דאַאָס| — פֿאַ גניבֿת=דעת, די, באַ,

(לל) דאָס אָפּנאַרן, פֿאַרפֿירן דורך אַ פֿאַלשן אײַנדרוק, אָנשטעל (דורך חניפֿה, פֿאַלשע רייד), כּדי צו שאַפֿן בײַ יענעם אַ גוטע מיינונג.

1936 "עס איז געווען צו |...| אײנפֿאַך פֿאַר דער קאָמפּליצירטער נאַטור פֿונעם שרײַבער |...|, וואָס הייבט זיך אָן מיט |...| צווייִקייטן, גייט איבער אין היפּאָקריזיע און פֿאַרפֿירט צו גנבֿת=דעת". 193/א

מ. אלטמאַן, 3, 53.

1963 " וויפֿל עבֿירות האָט געשטעקט דערין גנבֿת=דעת, ברכות לבֿטלה |...|". באשעוויס, זש' גק נ' 46, ז' 107. 193/ב

(כּער 38,)

75 – גנ

גנ – [redacted].

ג נ ו  –  דער, =ס. (<u>זאָאָל</u>) דרום=אַפֿריקאַנער זויגער=בעל=חי פֿון דעם זגאַל אַנטילאָפּעס.

ג נ ד י - ←---- גנאי.

ג ב ר י ע ן - ----> גבאיען.

78 - גנ

ג נ ו ס - דער, בא. 1. (זאַאל) אַלגעמיינער נאָמען

פֿאַר אַ צאַל פֿליִענדיקע בלוט זויגנדיקע אינסעקטן,

ווי קאָמאַרן, מוקן, מאָסקיטאָס א"ע).

1940 " אַזאַ מין גרויסע ווילדעניש אַרום!// געדיכטעניש,

פֿאַרוואַקסנקייט און גנוס". קושניראָוו, 5, 59. 255

1958 " איידער די גייסט אַרײַן אין וואַלד, וויקל

אַרום דײַן פּנים, וואָרעם אויב ניט, וועלן דיך 256

די קאָמאַרן, גנוס רופֿט מען זיי, באַפֿאַלן אין

מיליאָנען און אויף טויט צעבײַסן". ליוורוק, צ. טאג 22/XI.

(פֿאָרװ 68,)

2. (פֿיג) " אַ מענטש/טשעפּעט זיך אײַן און לאָזט ניט 257

לעבן"|קטוור|.

79 - 4

גניאדע I - דער/די, =ס. א פערד פון גניאדע קאליר. דער פורמאן שפאנט איין דעם גניאדע אין וואגן. ער זאטלט אן דעם גניאדע דורכצורייטן זיך א ביסל.

p: gniady

1924 " |...| זיצן אויף זייער גניאדע איינער הינטערן
אנדערן און שטויסן מיט בארוועסע פיס אינעם 262
פערדישן בויך". י. י. זינגער, 2 , 138.

גנ - [redacted].

1927 " בענצי וואסערפירער שמייסט זיין גניאדע,//
רייסט די פעל פון אירע ביינער". א. אויערבאך, 1,119. 263

(א1)

80 - גנ

ג נ י אַ ד ע II – אדי. העל ברוין, רויטלעך געל (וועגן קאָליר פֿון אַ פֿערד) מיט אַ שוואַרצן וויידל און גריווע. ℅ די גניאַדע קליאַטשע . דער גניאַדע(ר) אָגער. דאָס גניאַדע לאָשיקל.

1876 " די גניאַדע שקאַפֿע האָט אָנגעהויבן צו הינקען
אויף אַ פֿוס". חיים יאַסיליס, 1, 6. 260

1912 " דער 'רימאַקער' שרה האָט געהאַט אַ גניאַדע
קאָבילע מיט ווייסע לעטשעלעך". אַפּאַטאַשו, 1, 9. 261

1938 " די גניאַדע קליאַטשע האָט האַסטיק אָפּגעפּליוסקעט
וואַסער". סקאַלאָוו, 1, 3 [2] 264

81 – גד

ג נ י אַ ז ד ע – די, =ס. 1. (פּויל, נא)
נעסט פֿון פֿייגל.

1927 " זי מיט בנימינען לויפֿן איבער די לאַנקעס און
272 שרײַען נאָך די לעצטע בושלען: – באַטשאַן המלך,
די גניאַזדע ברענט". י.י. זינגער, 4, 250.

1929 " האָבן מיר דערזען אויף אַ בוים אַ גניאַזדע
271 מיט פֿייגל". בערגמאַן, 2, 152.

2. (ס׳רוב פּעיאָראַטיוו) היים, וווינאָרט, אָרט פֿון
צונויפֿקום.

|1819?| " תחלת האב איך עפיס קיין חשק גיהאט דאס
270/א רבנות אנצונעהמין מחמת דארט איז דיא גנאזדי
פון דעם רביך". פּערל, 7, 176.

1867 " דאָ איז איין |...| גניאַזדע פֿון אביונים". [illegible] 57,
273 צ׳ ווארשויער יודישע צייטונג, נ׳ 9, ז׳ 104.

1957 " איז נאָר געגנוג מען זאָל אָנווייזן, ווו די
274 חבֿרה האָט זייער גניאַזדע. מער פֿעלט אים נישט!".
שטריגלער, 2, 239.

ג נ י אָ ט – <u>דער, באַ, פּפּ הניאַט |קטוו|. בנב.</u>

%ידי טייג איז ניט געראָטן, זי איז שווער ווי גניאָט"|קטוו|. 282

---

רעד: אין פויליש איז דאָ דאָס וואָרט מיט די טייטשן:

א) צוקוועטש, ~~דורק~~ דרוק; ב) אונטערדריקונג (מיטן

צווייטן טייטש [אויך אין רוסיש]. אבער די

טייטשן פאַסן זיך ניט צום בייַשפּיל פון זאַמלער.

ביי סטוטש ניטאָ דאָס וואָרט. אין אוקראַיניש איז דאָ:

שווערקייט, פּרעס.

---

83 – עג

ג נ י אָ ט ק ע – די, =ס. "הינעראויג, מאַזאָליע (דער עיקר אויף די פֿיס)"|קטוו|. % פֿון די נײַע שיך האָב איך געקריגן אַ גניאָטקע"|קטוו|.

p: nagniotek

283

---

רעד: כ'בין מסופק, צי ס'איז דאָ אַזאַ וואָרט אין באַניץ. קען זײַן, אַז דאָס וואָרט איז בײַם זאַמלער אויפֿגעקומען אַזוי: פֿון „ער האָט געקריגן 'א נאַגניאָטקע' איז געוואָרן בײַ אים דערנאָך 'אַן אַגניאָטקע', צום סוף שוין 'אַ גניאָטקע'...

טאַקע פֿאַרשמיר, לאָז ליגן

---

84 - גן

גן - [redacted].

ג נ י ב ה - <---- גנבה.

85 - גל

ג נ י ב י ש - <---- __גנביש__.

86 -

51

ג נ י ב ת=ד ע ת - <---- גנבת=דעת.

גנידאַל – דער, עס. (לאַקל, וולאַצלאַוועק) 287

1. "פֿאַסקודניאַק, נבֿלה=ביין, אַ גאַרנישט שבגאַרנישט (פֿון גנידע – אייעלע פֿון אַ לויז)". |דש׳ יפאַ, זייט 92, נ׳ 14, 1938-1939|.

2. "אַ דריקער, אַ קוועטשער, אַ גאַר קאַרגער, אַ בן=נח" |דצוו|.

88

ג נ י ד ע I - די, =ס, פּפּ הנידע, נידע (האַרטער ע)

1. (זאאל) דאָס אייעלע פון אַ לויז אָדער אַנדערע פּאַראַזיטישע אינסעקטן. % אַז מע צוואָגט ניט דעם קאָפּ, האַלטן זיך דאָרט די גנידעס.

1924 " די קאָפּלויז וווינט אין קאָפּ פון די אומצוכטן, זי קלעפּט צו אירע אייעלעך (גנידעס) צו די האָר". איבן איסעל, 1, 147. 291

1927 " דער אַפּטייקער |...| גייט אַרום און טענהט, אַז וועט מען וועט אויסהרגענען די גנידעס, וועלן נישט זיין קיין לייז". אַפּאַטאַשו, 9, 196. 292

2. (פּיג, פּעיאָ) ווענן אַן איינגעגעסענעם מענטשן, אַ פּריטשעפּע, וואָס לאָזט ניט לעבן, אויך ווענן סתם אַ מנוול, אַ מאַראַליש אומריינעם מענטשן.

1939 " און זאָל די גנידע וויסן, ווי אַזוי צו זיין אַ ביוראָקראַט". גילדין, 1, 82. 294

1972 " האָט זיך אָנגעטשעפּעט צו אים אַזאַ גנידע ווי סרולקע גאָנער". באַשעווויס, צ' פּאר. VII/22. (פּאר 155)

∠7 צושטיין (צוטשעפּען זיך) ווי אַ גנידע - איינעסן זיך יענעם אין די ביינער, ניט לאָזן צו רו, נודיען.

89 - גן

Ук: гнідий

ג נ י ד ע II - אדי. דזוו גניאַדע II.

1957 " האָט די קורצוווּקסיקע גנידע שקאַפּע |...|

אָנגעהויבן פּירקען". ברוסילאָוו, 2, 301.

288

90 - גל

ג נ י ו ו אַ ק - דער, =עס. "אויף אַ קאַרגן מענטשן,

וואָס ציטערט פֿאַרן גראָשן; אויך וועגן איינעם,

וואָס האָט ליב ביַי יענעם צו עסן און קריכט צו פֿיל

איך יענעמס געשעפֿטן"|קטוו|. %"דער גניוואַק עסט 299/א

שטיינער מיט ביינער, פֿאַרגינט זיך עפּעס צו קויפֿן"|קטוו|.

ג"ס

גניזדע – די, =עס. "אַ נעסט פֿון לײַז, די

אײַעלעך פֿון די לײַז". פֿון ליטוויש gniusus |קטורג|.

% אַן אײַנגעגעסענע גניזדע". 300

---

**רעד:** זייער מיגלעך, אַז דאָ האָט דער זאַמלער צעפּלאָנטערט

מיטן אוקראַיִנישן гніздо = נעסט.

---

ג נ י ז ה |ג(ע)-ניזע| - די, מצ גניזות |ג(ע)ניזעס|.

1. (לל) דאָס באַהאַלטן, פֿאַרבאַרגן עפּעס (ס'רוב געמיינט, ספרים, דאָקומענטן אע), אויסשליסן פֿון עפֿנטלעכן געברויך; אויך דאָס באַהעלטעניש. % די חכמים האָבן געזאָלט אַרײַנלייגן אין דער גניזה דעם ספר קהלת.

1953 " דערפֿאַר איז מיגלעך געווען פֿאַר די אנשי=
כנסת=הגדולה צו אונטערדריקן דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, 304
ווען ער האָט זיי נישט געפֿעלן און אים פֿאַרמישפּטן
צו גניזה, פֿאַרניכטונג און פֿאַרגעסונג".
צ. כהן, 1, 9.

1958 " און וואָס מען מוז דן זײַן לגניזה |...|
און ניט אַרײַננעמען אין [illegible]כום פֿון תורת=ישראל". 305
א. גאָלאָמב, ~~זש' גק.~~ נ' 31, ז' 68.
(פֿון 38.)

93 - ג

2. אַרט (אין אַ בית=מדרש) ווו מע באַהאַלט צעריסענע
ספרים אָדער בלעטער פֿון ספרים ( שמות), ביז מע
באַגראָבט זיי לויטן דין אויפֿן בית=עולם.
% אין דער גניזה האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַ סך שמות,
מע דאַרף זיי מקבר זייַן.

3. (ספּעציעל) די זאַמלונגען פֿון אַמאָליקע ייִדישע
ספרים און דאָקומענטן, וואָס מע האָט געפֿונען אין
פֿאַרשיידענע באַהעלטענישן. % די גניזה פֿון קאַהיר.
די קומראַנער גניזה.

1923 " אַ פּאָר אַנטייַטן זייַנען געפֿונען געוואָרן אין
דער גניזה |דאָ געמיינט פֿון קאַהיר|". 302
איבן זעליגמאַן, 3, 41.

1956 " אַ געוויסע באַשטעטיקונג |...| איז פֿאַראַן אין
דעם כּתבֿ=יד ישעיה א׳ פֿון דער קומראַן=גניזה". 303
ד. לייבל, זש׳ גק, נ׳ 23, ז׳ 164.
(פּרז 38,)

גנ - [redacted].

o גניזה=קבֿר |קייוווער| - דער, =ים |=קוואָרים|.

דער קבֿר אויף אַ בית=עולם, ווו מע באַגראָבט

(לויטן ייִדישן דין) צעריסענע ספֿרים אָדער שמות.

95 - גי

ג נ י ט ל – דער, =ען. (עלט) מין שטעקן צום שלאָגן

לויפעל 2,

אַ באַשטראָפֿטן | סטוטש 604,454 |.

96 -

ג ב י י ז - ----> <u>גבעים</u>.

ג ב י י ט - ----> <u>גנעיס</u>.

98 - ג

ג נ י ל ו ש ק ע  -  -----> גנילקע.

ג נ י ל ק ע | ווילער ל | I – די, =ס, פּפּ גנילושקע.

סאָרט ווילדע באַרעלעך, מע קאָן זיי עסן ערשט ווען זיי זײַנען שוין אַ ביסל צוגעפּוילט, ווייך.

Ик: гнилка /гнилиця

1968 "מיר האָבן זיך דערנערט מיט רויטע ראַבינעס און ווילדע צוגעפּוילטע 'גנילושקעס', פֿון די פֿאַרלאָזטע באַרנביימער אויף די וועגן". י. פּערעל,

יזב אטגראצק, ז' 667.

100 - גל

ג ב י ל ק ע II - דער, =ס. (רעג, פּאָדאָליע)

"צונאָמען פֿאַר אַ ייִשובֿניק, וואָס קומט אין שטעטל 323

אויף די ימים=נוראים"|קטוו|.

גניעטשוך - <u>דער, =עס.</u> "פּוילער, אומפּעזקער, אומגעלומפּערטער מענטש"|<u>קטוו</u>|.

רעד: כ׳בין שטאַרק מסופּק אין דעם טײַטש פֿון וואָרט און אין באַניץ בכלל. דער זאַמלער פֿאַררופֿט זיך טאַקע אויף דעם פּוילישן *gniecuch*, אָבער לויטן פּוילישן <u>ווב</u> האָט דאָס וואָרט גאָר אַן אַנדער באַטײַט דהיינו: "אומגעראָטן, שלעכט אויסגעבאַקן געבעקס, אָדער אַזאַ וואָס איז פֿאַרקנאָטן פֿון רעשטלעך טייג, א ווישקראַבעק".

ג נ יִ ע ן – <u>אוטוו</u>. (<u>פּויל, נאַ</u>) 1. פּוילן. p:gnić

2. (<u>פּיג. פּעיאַ</u>) גאַרנישט טאָן, זייַן פּויל, ליגן אויף איין אָרט (וועגן אַ מענטשן).

<u>רעד:</u> קיין <u>ליט׳</u> מקורים ניטא, אמת כ׳האָב יאָ געהערט ביַי אונדז ניצן דאָס וואָרט, אָבער דאַרף מען עס טאַקע אַרייַננעמען?

?נ? ג נ נ ת (גאַנענעט) - די, מצוגננות |גאַנאַנאַט|.

(רעג, ישראל) דערציִערין פֿון אַ קינדער=גאָרטן.

ג נ ע ד י ק - <u>אַדי/אַדוו</u>, <u>פֿפֿ</u> <u>גנאַדיק</u>. וואָס ווײַזט אַרויס

גנאָד, איז פֿול מיט גנאָד, מיט חסד.

1814 " מיינשטר אמנון ביקער דיך דאך איין מאל

זוא וויל אונזר <u>גנעדיגער</u> פערשט דיך צום איברשטן 335

ראטש הער מאכן". <u>מחזור 1</u>.

... " |...| גאָט וואָס דיינע הענט זענען ריין,

335/א גנעדיק צו די וואָס בעטן דיך מיט געוויין".

מענדעלע, 20, 73.

1949 " די אַלמנה האָט געקוקט אויף אים מיט

336 אַ מבֿינישן אויג, ווי אַ בר=דעת קוקט אויף אַ נישט

דערבאַקענעם, אָבער זי איז אויך געווען גנעדיק

צו אים". י. י. זינגער, 9, 289.

1975 " פֿון דעסטוועגן איז דער בעל=הבית פֿון דער

קאַפּעטעריע אַזוי גנעדיק, אַז ער באַווייליקט אָנצוצינדן

עלעקטריש ליכט". סוצקעווער, 7, 119.

106 - גנ- 106

בּלוינס אותיות // ג נ ע ד י ק י י ט - די/דאס, בא. 1. דזוו גנאד.

2. אייגנשאפט פון זיין גנעדיק.

3. טייל פון אמאליקער טיטולירונג: אייער גנעדיקייט! 351

זייער גנעדיקייט איז שוין געקומען.

גנעדיג/גינעדיג.

1544 " גוט ווערט קיינם קויניג מער אזוא גינעדיג

זיין". שמואל=בוך, סטראפע 1745. 342

1541 " גיבענשט מוש זיין די שטונדן // דש דיך

מיין ליבן גינעדיגן הערן // מיין אויגן ווידר 343

אן זיכטיג ווערן". בבא=בוך, סטראפע 193.

1713 " גנעדיגר הער, איך בעט אום גנאד".

מכירת יוסף, ציט אווע, ז' 510. 344

107. גנ׳ 107

ג נ ע ד י ק ל ע ך - אדי/אדוו. (עלט) דזוו גנעדיק.

1938 " פארנייגט זיך גנעדיקלעך". גראס, 1, 59.

ם

גנעדיגליך.

1602 " |...| וויל איך ווידר דער קענן אונ׳ גינעדיגליך

גענ - 89 אן נעמן דען גיפנגן אויז יודא". ס׳ ירמיה, כד-ה.

| סוף XVII | " וועלכיש נאך הש"ג ב"ה גינעדיגליך אפ

גענ - 88 גיוועגדיט". זכרונות מרת גליקל האמיל, ז׳ 278.

1734 " דער וואלי איר שוצן אונד בוואהרן // אונ

337/6 זיינה גנעדיגליכה הנד פון איר ניכט צו שפאהרן".

לשון זהב, 8.

ג ן=ע ד ן |גאַניידן| - <u>דער/דאָס</u>, =ס (<u>זן</u>).

1. ~~לפי~~ דעם תנ"ך, דער וווּנדערלעך שיינער גאָרטן, ווו אָדם און חוה, די ערשטע מענטשן, האָבן געלעבט, ביז גאָט האָט זיי פֿון דאָרט פֿאַרטריבן ווי אַ שטראָף פֿאַר עסן פֿון עץ=הדעת.

2. ~~לפי~~ די גלייבונגען, דאָס אָרט אויף יענער וועלט, ווו ס'קומען אַריין די נשמות פֿון צדיקים, ערלעכע און פֿרומע לייט נאָכן טויט, און זיי פֿאַרברענגען דאָרט אין גליקזעליקייט.

1864 " דער מאַן אירער, אַ ליכטיקן <u>גן=עדן</u> זאָל ער האָבן, האָט אַ צייט נעבעך געקרענקט". <u>מענדעלע,104,12</u>. קאנק

1907 " פֿרעגט זשע אָבער ביי מיינע חברים, וועלן זיי אייך זאָגן, אַז דער <u>גן=עדן</u> געפֿינט זיך ערגעץ אויף אַ באַרג פֿון קרישטאָל |...|". <u>שלום=עליכם,8א,43</u>. קאנק

1975 " ווו איז די נשמה? אַוודאי אין <u>גן=עדן</u>, ביים כּסא=הכּבֿוד, אין היכל=המשיח". <u>באשעוויס, 159,6</u>.

3. (<u>פֿיג</u>) אַן אָרט, וואָס איז אויסערגעוויינלעך שיין און ס'איז אַ גרויס פֿאַרגעניגן דאָרט צו זיין.

1888 " ער האָט אָנגעהויבן צו באַשאַפֿן בײַ זיך אין

קאנק האַרצן אַ װוּנדערלעכע װעלט, אַ <u>גן=עדן</u>, װוּ עס

בליט, עס שמעקט, עס פֿליסט מילך און האָניק |...|".

<u>מענדעלע, 3, 117</u>.

1907 " מען זאָל, אַ שטײגער, פֿרעגן מיך, װאָלט איך

קאנק געזאָגט, אַז דער גן=עדן דאָס איז מנשה דעם רופֿאס

גאָרטן". <u>שלום=עליכם, 8א, 44</u>.

1968 " |...| מיר מוזן אָפּקומען מיט קוקן בלויז פֿון

קאנק װײַטן אויף אָט דעם פּאַרק-אויפֿן <u>גן=עדן</u>, װוּ די

װעלטישע האָבן הנאה פֿון לעבן". <u>גראַדע, 7, 402</u>.

0 <u>גן=עדן=בלעטלעך</u> - <u>די, מצ.</u> בלעטער פֿון פֿלאַנצן

װאָס װאַקסן אין גן=עדן.

1888 " אליהו הנביא האָט רבה בר רב חנינא, אַ גרויסער

קאנק אביון נעבעך, געגעבן טײַערע שמעקעדיקע <u>גן=עדן=בלעטלעך</u>,

װעלכע יענער האָט פֿאַרקויפֿט עפּעס פֿאַר צװעלף

טויזנט גילדענע רענדלעך". <u>מענדעלע, 3, 119</u>.

<u>גן=עדן=התחתון</u> |...= האטאכטן|. דער אונטערשטער גן=עדן, וואס געפינט זיך, לויט דער מסורה, ערגעץ אויף דער ערד, מע ווייסט ניט ווו. % דעם <u>גן=עדן=התחתון</u> וועט מען אנטפלעקן, ווען משיח וועט קומען.

1886 " ער געפינט זיך אין א מין <u>גן=עדן=התחתון</u>,
|...| ווו פייגעלעך זינגען און מענטשן גייען 362
ארום פראנק און פריי". <u>שלום=עליכם, 3ב, 144</u>.

1934 " די מעשה פון <u>גן=עדן=התחתון</u> איז דעם קליינעם
יחיאל אזוי אריַין אין דער מחשבה, אז ער האט ביי 363
זיך אפגעמאכט דעם 'מקדש=מלך' נאכצוטאן און
אויסשפירן דאס ארט ווו |עס| געפינט זיך".
אש, 13, ?.

<u>גן=עדן=וואסער(ל)</u> - דאס, =ן/=לעך. פישון=געטראנק; נעקטאר.

**גן=עדן=טרייבער** – דער, =ס. (איר) אַ געדונגענער קדיש-זאָגער
נאָך אַ מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן אָן איבערצולאָזן
ווער ס'זאָל זאָגן קדיש נאָך אים.

**גן=עדן=עפּל** – דער, מצ דן. בנב.

1939 "איך זיין האַנט אַ גן=עדן=עפּל". שומיאַטשער, 64,2. 365

1961 "דער ארץ=ישראל=ייד האָט |...| אָנגערופן די
פּרוכט אַ 'גן=עדן=עפּל' און אויך אַ 'קאַיזער=עפּל' 366
|...|". י. מעצקער, ~~צ' פאר~~, ~~X~~/8.
(פער 155,)

**גן=עדן=פישערין** – די, =ס. (שלש, ווולג) "אַ פאַרפרומטע
יידענע, וואָס וויל באַטראַכט ווערן פאַר אַ צדקתטע". 367
|ר. מאַהלער, ~~זוב סאנץ, 1970~~, ז' 558|.
(פער 15,)

גן=עדן=שומר [שומר] – דער, =ס. דער מלאך וואָס איז דער
ממונה צו היטן דעם אַריינגאַנג אין גן-עדן.

פּפּ: ווי אין/פֿון גן=עדן - זייער אײַנגענעם, שיין, ווונדערלעך.

(ס'איז/ס'האָט) טעם גן=עדן - ס'איז אויסערגעווייטלעך געשמאַק, גוט, זיס אַע.

1907 " ייִדן אַ געטראַנק! טעם גן=עדן! אַזאַ יאָר אויף מיר אויף אייך און אויף אונדז ביידן". קאַנק

שלום=עליכם, 8א, 102.

(ס'איז) אַ גן=עדן - ס'איז זייער אײַנגענעם, שיין, ווונדערלעך.

1907 " פּאָרן מיט דער באַן איז אַ גן=עדן!". קאַנק

שלום=עליכם, 8א, 167.

זאָל ער (זי) האָבן אַ ליכטיקן גן=עדן - געזאָגט בײַם דערמאָנען אַ געשטאָרבענעם.

113

1864 " דער מאַן אירער, אַ ליכטיקן גן=עדן זאָל ער האָבן, האָט אַ צײַט נעבעך געקרענקט". מענדעלע, 12, 104.

קאָנק

שיקן אין גן=עדן אַרײַן — (איר) אומברענגען עמעצן, אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט.

זיצן אין טערקישן גן=עדן — זײַן צווישן אַ סך שיינע פֿרויען; זיצן אויף אַ מסיבה צווישן צוויי פֿרויען.

גן=עדן פֿון נאַראַנים — די באַזונדערע אָפּטיילונג אין גן=עדן, וווּהין ס'קומען אַרײַן (לויט דער קריסטלעכער אמונה) די שוטים און שוואַכזיניקע.

פֿאָרן פֿאַרבײַ באַבריק אין גן=עדן — חוזקדיק וועגן עמעצן וואָס פֿאָרט (גייט) אויף אַן אומריכטיקן מאַרשרוט". ז"ש' יישפּ XXVII 3 - .

פּרט 90

114-

<u>שרו: אליין איז אפילו אין גן=עדן ניט גוט צו זיין.</u>

|...| גיבעטין מער נאך אלכסנדרוס האט אלזו ״... [סוף XVIII]

378 זו זולטי מאן אים דאך עפיש אויז דען <u>גן עדן</u>

הויזוורפין״. <u>גליקל האמיל, ז׳ 304</u>.

1744 ״ |...| אונ׳ אובן אין הימל איז דער <u>גן=עדן</u>

379 קומט פאר גליין אז איין גפלאנצטיר בעטלין גארטן״.

<u>בחינת עולם, כה - 3</u>.

115 –

ג ן=ע ד ן=ב ו י ם |גאַניידנבוים| – דער, ~ביימער.

|<u>סטוטש</u> 250|. <u>בנב</u>.

<u>רעד:</u> ס'איז דא אין פויליש =גן=עדן=עפּלבוים *Rajska jabłoń*
<u>ווסנ</u>) (*malus pumilla paradisiaca*), אַ זגאַל עפּלבויט פֿון
דער משפּחה רויזן בלומיקע. אפשר מיינט מען דאס?

115/1 גנ־

גן = עדן = ב ו י מ י ק ע |גאנײדן=...| - (באַט)

װעגן אַ געװיסער משפּחה ביימער|סטוטש 249|.

ג ן = ע ד נ ד י ק |גאַנייִדנדיק| - אַדי/אַדור.

זייער איַינגענעם, שיין, ווי אין (פֿון) גן=עדן.

% גן=עדנדיקע ריחות.

360 1931 " |...| ניט אַזוי גן=עדנדיק |...|". לייוויק, 4א, 28.

געפֿינען די ציטאַטע, פֿון "קיטן".

1947 " עס צערטלט מיך גן=עדנדיק דיַין שטראַלנדיקע

361 האַנט". אהרון צייטלין, 5א, 43.

1975 " דעמאָלט דערשפּירן די שפּיץ פֿינגער פֿון מיַינע

פֿיס אַ צערטלעכע גן=עדנדיקע וואַרעמקייט".

סוצקעווער, , 25.

116/1

ג ן = ע ד ן = פֿ ו י ג ל [גאַנײדן=...] – דער,= ~פֿייגל.

(זאָאל). פֿויגל פֿון דער משפחה PARADISEIDAE,

די זכרים זײַנען פֿילקאָליריק באַפֿעדערט, לעבן ס׳רובֿ

אין נײַ=גווינעע, אויסטראַליע און אָקעאַנישע אינדזלען.

ג נ ע י ס – דער, בא, פֿא גנייס. (כעמיע) מעטאַמאָרפֿישע
(געענדערטע) מינעראַל, וואס האט זיך געשאַפֿן דורך
איבערקריסטאַליזירונג פֿון אַרויסגעשלײַדערטע
אָפּגעזעצטע מינעראַלן, באַשטייט פֿון קוואַרץ, פֿעלדשפּאַט
און מיקע, |טערמ' כעמיע, ווילנע 1921|.

R: гнейс